# איך שפּאַר ניט קיין געלד

איך צאָהל די בּעסטע פּרייז צו מיינע משוררים. איך דינג די שעהנסטע האָל, בּיי מיניזק׳ען אין דאָפרין עווענױ, וואוהין איהר מעגט קומען אין אייערע זיידענע קליידער און זיין גאַראַנטירט פאַר זיכערקייט. איך האָבּ געדונגען אַ גוטען בעל שחרית. בעל תוקע און שמשים וואָס זאָלען אָבּהיטען די אָרדנונג. קיינע פּרעזידענטען און גבּאים, אַלעס אויף׳ן גרויסאַרטיגען און פיינעם אופן.

איך האָבּ פערפערטיגט מיט מיין בעריהמטען כאָהר פון 12 פּערזאָן קאָמפּאָזיציאָנען פון זיידעל ראָוונער, ליבּ שאַפּירא, שעסטיפאל און אנדערע בּעריהמטע חזנים. הערען מיך דאַווענען היינטיגען יום טוב הייסט הערען די וועלט בּעריהמטע חזנים.

די האָל איז לופטיג, געראַוּם און זױבּער ריין. צו דיזען צוועק האָבּ איך אַרויסגענומען 200 סיטס, אום די לופט זאָל זיין בּעסער און דאס פּלאַץ גרויסער. 30 סיטס גיבּ איך פריי צו דיזע וואס קענען ניט צאהלען.

די ערשטע נאַכט סליחות פּריי פאַר יעדען איינעם.

טיקעטס שוין צו בּעקומען בּיי מ. דזשייקאָבּ, 307 פּריטשאַרד עווענױ. ווער עס וועט זיך בּעציטענס בּעזארגען מיט טיקעטס, וועט געוועהנליך האבען א בּעסערען סיט.

אַכטונגספאָל

## חזן מ. דזשייקאָב.

---

# מאַדאַם קעני ליפּצין

אונטער דאָס מענעדזשמענט פון בּ. שעפּס און מ. טריללער

מיט דער מיטווירקונג פון דער גאַנצער ליפּצין טהעאַטער קאָ.

פון נויאָרק:

מר. עליאס ראטשטיין, דזשייקאבּ קאהן, מארים היינע, היימאן מייזיל, סאלאמאן מאנע, דייוויד גראל, מאדאם מאָנע, מאַדאַם שראגע, מיסס גאלדעלע לובּריצקי

וועלען אויפטרעטען אין „וויננּיפּעג״ טהעאטער

דינסטאג אבענד דעם 13טען אויגוסט אין יעקב גארדין׳ס

## דיא יתומה.

מיטוואך אבענד דעם 14טען אויגוסט אין זייפערט׳ס דראמא

## די טרייע ליעבע.

בּעזאָרגט איך בּעציטענס מיט טיקעטס

טיקעטס צו בּעקומען בּיי בּ. שעפּס, 401 סעלקירק עווענױ, פהאן סט. דזשאהן 1490

---

צו די וויניפּעגער און קאָונטרי דזשאנק פּעדלער.

עס ערעפענט זיך אַ נייע

## אייזען און מעטאל קאמפּ.

וואו עס וועט אויפגעקויפט ווערען פאר א גוטער פרייז אלעס וואס בּיי אייך איז צו האנד. יעדער פּעדלער וואס וועט זיך שטעלען מיט אונז אין פערבּינדונג וועט בּעהאנדעלט ווערען אויף׳ן ריכטיגסטען און ערענטליכסטען אופן, אזוי אז אין א קורצע צייט וועט איהר אונז בּעטראכטען ניט אלס סוחרים, נור אלס אייערע פריינד.

## The North Western Iron and Metal Co.

Cor. Sutherland and Schultz Sts.

Phone St. John 2026.

די „נארד וועסטערן אייראן און מעטאל קאמפּאני״ איז א זעלבּסטשטענדיגע און איז ניט פעראייניגט אדער פערבּונדען מיט אנדערע היגע אזעלכע קאמפּאני׳ס.